פאריזער

1961

שפּילקעס

נר 2

סאטירישער חודש זשורנאל דערשיינט מיט א רעגלמעסיקער פארשפעטיקונג יעדן צווייטן ערשטן
רעדאקטאָר א. א. ליבערמאַן

...זייערע טענער האבן געקלונגען פאַלש
און זייערע מעלאדיעס — טרויעריק...

געצי פון פרעצל זאנג

קענעדי:

בערלין איך דיר נישט גאַגארין
דו ווילסט א רויט בערלין
און איך וויל עס גרין
א דייטש קען מען פארבן ווי מען וויל
לאָמיר זשע רעדן צו דער זאך
אפשר חלוקה אינטערעסירט דיך

כרושטשעוו:

צעטיילן מואטיע מואטיע
נישט ביי מאָטיע
ניטשעוואָ, וויניקער גערעדט
איך מאך מיט דיר א וועט
אז אדענויער בלייבט אין גלות
און דו וועסט ביי מיר אויף קוליעס

שששש! שטערט נישט, ס'איז וואקאנס!
די „מידע" פאריזער אינסטיטוציעס רוען

[illegible] זיך [illegible] און
[illegible] אז [illegible]
[illegible] וואקאנס.

[illegible] מיר אויסגעזן [illegible] זיינען ווארט [illegible] אנגעשטרענגטע און [illegible] אינסטיטוציעס וועלן [illegible] גערעכט כאטש רעס [illegible] אין יאר, אפצוכאפן א [illegible] פון דער [illegible] און [illegible]

[illegible] אזא אינסטיטוציע [illegible] ביי דער פעדעראציע [illegible] ביז באדינגען צענטריקער [illegible] געמיט אזא אינסטיט[illegible]

[illegible] פאנד [illegible] רימען [illegible] א גמירת [illegible] אין [illegible] [illegible]

[illegible] אנגעבן [illegible] [illegible] רע-גרייבן.

[illegible] רעפאר גענען [illegible] און [illegible] אז [illegible] אין [illegible] א פערמאנענט [illegible] דארף [illegible] טראן [illegible] ראזן א [illegible] אויף רפקר אבער אין [illegible], נאר פאר [illegible] אלע יידישע אמטן וועגן אז [illegible], אז זיי ארבעטן אין [illegible] פונקט אזוי ווי דאס גאנצע יאר.

וואס שייך אונז ווערן מיר דערייבע[illegible] זיין [illegible] יוצאים מן הכלל און מיר [illegible] איבער [illegible] ווי אלע אנדערע יידישע צייטונגען — די צוגע[illegible]שיקטע מודעות.

אט זיינען אייניקע פון זיי:

דער [illegible] מעלדעט אלע מיטגלידער, אז אין וואקאנס-צייט בלייבט ער אפן. זיך ווענדן צו [illegible]

***

דער פאריין אהבה עזה [illegible] אז ער לאזט צוויי פון זיינע מיטגלידער [illegible] אויף א פערמאנענץ און מען קען זיי צו יעדער צייט באזוכן אויפן גע[illegible] אדרעס.

דער שלוש סעודות-ווינקל פון [illegible] טירבינא מאכט באקאנט אז בערקע קוטשער וועט אפן זיין יעדן שבת פאר[illegible]נאכט.

***

פ. ס די וואקאנסן-קאלאניע קיין ישראל, בעט אונז מודע צו זיין, אז היות דאס ווארט „קאלאניע", איז אין פראנקרייך געווארן שמארק אומפאפולער, האט זי געענדערט דעם נאמען אויף „ירחמיאלם וואקאנס-געמיינשאפט".

***

א פאריזער כליטוער אויף וואקאנס...

ס'איז ווי צום געלעכטער

— פאר-וואס האט כרושטשעוו מאלאטאוון געגעבן א פאסטן אין ווין, און קאגאנאוויטש האלט ער געגען פאר-שטעקט און וויל אים נישט געבן קיין באשעפטיקונג?

— איך מיין אז דאס איז רעפאר, וואס קאגאנאוויטש איז נישט קיין באלשעוויק.

— וואס דען איז ער? א מענשע-וויק?

נאך ערנער: א משה'וויק.

***

כרושטשעוו האט בדעה צו קומען צו דער דערעפנונג פון אנו-אסאמבלע ער זאל שוין האבן געשריבן צו דער סא-וויעטישער דעלעגאציע קיין ניו-יארק: „איך קום בקרוב צופארן, איך שיק אייך דערווייל ארויס מיין לינקן שוך".

***

א פאליטישע באוועגונג איז געגליכן צו א ראווער זי קען איינהאלטן דעם גלייכגעוויכט נאר רעמאלט ווען זי איז אין צושטאנד פון פארויסגיין. שטעלט זי זיך אפ מוז זי פאלן.

***

אמעריקע ווערט ווידער די „טאן"-געבערין אויפן נאנטן מזרח: זי וועט געבן טויזנטער טאן פראדוקטן.

***

איינער וואס האט זיך צוריקגעקערט פון א נסיעה איבער צפון-קאריע, דער-ציילט אז ער האט רארט אין א שווי-פענצטער געזען פאלגנדע אויפשריפט: „היר ווירד דויטש געשפראכן אונד רו-סיש פערשטאנדן".

***

א פריינדין פון אונזער צייטונג איז לעצטנס ארויסגעפארן אויף א באזוך קיין רוסלאנד. זי האט אונז פון מאסקווע צוגעשיקט א בריוול מיט פאלגנדיקן אינהאלט:

„גלויבט נישט די ליגנס וואס מען פארשפרייט וועגן דער דאזיקער ריזן מדינה. דער ראטנפארבאנד איז דאס לאנד פון אבסאלוטער פרייהייט. דער-ציילט עס דעם טאטן, דערציילט עס דער באבען".

***

נאנא-ין שרייבט צו זיין אמעריקאנער קאלעגע: אייער לאנדן אין אמעריקע איז נישט געווען קיין קונץ. ווען איך וואלט געווען געהאט א מעגלעכקייט צו פירעווען מיט דער ראקעטע, וואלט איך אויך געווען זיך אראבגעלאזט אין אמעריקע.

אפרופן וועגן „שפילקעס"

די ערשטע אפרופן וועגן די „פאריזער שפילקעס" וואס מיר האבן באקומען צו-געשיקט, סיי אין פארם פון רעצענזיעס, סיי פריוואטע בריוו פון פערזענלעכ-קייטן און סיי וואס מיר וועלן נאך באקומען, וועלן מיר (צוליב מאנגל אין פלאץ) פארעפנטלעכן אין קומענדיקן נומער.

דאס לעבן איז א שטורעמדיקער ים און דער הומאָר איז א רעטונגס-גאַרטל

א «וויסנשאַפּטלעכע» ראַקעטע

דעם טאָג ווען ישׂראל האָט אַרויסגעלאָזן די ראַקעטע, האָט א ייד אָפּגעשטעלט דעם רב פון טשאַסקאַיאַ אויפן פּרעצל:

— רבי, כ'וויל אײַך פרעגן א שאַרפע פראַגע.

— פרעגט.

— ס'איז אמת אז בן גוריון האָט אַרויסגעלאָזט א סאַטעליט וואָס וועט בסדר פליען אַרום ארץ ישׂראל?

— ס'איז נישט אמת. דאָס איז בלויז א ראַקעטע צוליב וויסנשאַפטלעכע צוועקן.

— וואָס הייסט „וויסנשאַפטלעכע"?

— „וויסנשאַפטלעכע" הייסט, אז די אַראַבישע שכנים זאָלן „וויסן". איר פאַרשטייט? למען ידעו.

— וואָס זאָלן זיי „וויסן"?

— איר זענט עפּעס א מאָדנער ייד. איר קומט מיט א שאלה און פרעגט אײַנס־אײַנוועגס זיבעצן שאלות.

— וואָס בייזערט איר זיך? ס'איז דאָך אײַער פאַך צו ענטפערן אויף שאלות. אָבער אז איר בייזערט זיך וועל איך אײַך שוין נישט פרעגן די צווייטע שאלה הלמאי מען האָט נישט אויסגענוצט די געלעגנהייט און אַרויפזעצן אײַכמאַנען אויפן שפּיץ... הע? וואָס מיינט איר, רבי?

— איך מיין אז אויב מען וועט פּסקענען אז אײַכמאַן זאָל פליען אויף ראַקעטעס וועט מען נאָך אם ירצה השם שיקן ווײַטערדיקע ראַקעטעס און איצט לאָזט מיך גיין, ראָט מיר א גוטן תמיד.

> ### בן גוריון
>
> „און איך ווײַז גוף באַמינד־שלימות אז מיר זענען אומשטאַנד צו ווערן א ריכטיק פאַרן פעיקער".
>
> („די מייל" תל אביב)

בן גוריון איז בײַם גוטן הומאָר צוליב דער ראַקעטע

בײַם אַרויסלאָזן פון דער ראַקעטע האָט דוד בן גוריון ממש געשטראַלט פון נחת.

— דעם אמת געזאָגט האָט דער ייִנגער־פּרעמיער זיך אָנגערופן, איז דאָס נישט די ערשטע ראַקעטע וואָס מיר האָבן געשאַפן. שוין מיט 3700 יאָר צוריק ... וועט דערציילט אין תנך האָט זיך אליהו הנביא אויפגעהויבן ביזן הימל אויף א „פיירדיקן ווייט־וואָגן". דער חסרון פון יענער ראַקעטע איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס זי איז נישט צוריק געקומען צו דער באַזע.

א פרעג-בויגן אזוא

מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט פון דערראַקציע קאָרעגיע וואָס גיט אַרויס דעם רעפּסיקאַן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, א פרעג־בויגן צום אויספילן. מיר דערלויבן זיך אָבער צו מאַכן א פריינטלעכן פאָרשלאָג דעם דאָזיקן רעפּסיקאָן־קאָמיטעט, צוצוגעבן נאָך עטלעכע פראַגן, וואָס מיר האַלטן פאַר א באַזונדערע וויכטיקייט

צי זענט איר פאַר ייִדיש בלויז אין ישׂראל, אָדער אויך אין אַנדערע לענדער

ווען פּירט איר אײַך צומייסט אימפּאַטענט און ענגין שרײַבן פאַרשטייט זיך אינדערפרי, בײַטאָג, בײַנאַכט, ביז השמשות?

זײַט איר קיינמאָל נישט געווען קיין ליטעראַריסטישער שטי־לפּצע־חוניה אוגיע לעקער, ביי ייִכע ... אויב יאָ ... וועמען און פאַר ווער?

ווען איר גנבעט געדאַנקען אָדער עמעס ... אַנדערע שרײַבט איר און טער אייער אמתן נאָמען צי א פּסעוודאָנים?

וואָס וואָלט איר געווען ווען איר זענט נישט קיין שרײַבער?

ווער איז שולדיק אין דעם וואָס זיי זענען געוואָרן א שרײַבער?

וואָר אייער שרײַבן געפעלן ווען איר רעדט אויס צו זיך ... ?

אין ... צײַטונגען האָט מען אײַך אָנגעפירט ... מיט אײַער ... ?

נישט מיט וויינען נאר מיט לאכן, וועלן מיר די וועלט איבערמאכן...

מאלע וואס זיי שרייבן

ער ווייסט אלע סודות

אין דער „נייע פרעסע" פון 11טן [illegible] די [illegible] גאראן, אז וויבאלד אמעריקע וועט צוריק אנגרייבן די אטאמישע [illegible], וועלן די סאוויעטן זיין געצוווּנגען צו טאָן דאסזעלבע זיי ווילן דאס טאָן אזוי צו זאָגן, מיט א נערוועז געמיט און קעגן אייגענעם ווילן פון זייער פאלק".

איז פא פערוואס, פון וואנען ווייסט ער אז זיי וועלן עס טאָן מיט א „גע-רייצט געמיט"? ער ווייסט פון אלע כרושטשעווס סודות? והשנית: אויב זיי וועלן עס טאָן „קעגן ווילן פון זייער פאלק". ווען דאס זיין די איינציקע זאך וואס די סאוויעטן טאָן קעגן ווילן פון זייער פאלק! וואויאָ! איר האָט אוודאי נישט געהערט פון דעם אנעקדאָט וואס מען פרעגט א רוסישן ייד

וואס ער וואָלט געטאָן ווען רוסלאנד מאכט אויף די טויערן פאר פרייע אויסוואנדערונג:

— איך וואָלט ארויפגעשפרונגען אויף א בוים, זאָגט דער רוסישער ייד.

— וואס עפעס אויף א בוים?

— ווייל וואס וואָלט איר געוואָלט איך זאָל זיך לאָזן צעטרעטן פון די מאסן, וואס וועלן זיך לאָזן לויפן?

אויף וואס דען זאָלן זיי שטיין?

אין "אונזער וואָרט" פון 27טן יוני שרייבט ל. דאס, אז ווען ער וואָלט געווען ר' לוי יצחק מבארדיטשעוו, וואָלט ער געוויזן דעם רבש"ע, „נא גיב א קוק, אט שטייען זיי די פרויען פון ראטען-קאמיטעט אין דאזיקן הייסן טאג שטייען זיי אויף די פיס".

מילא, בין איך זיכער, אז יחזקאל קארענהענדלער וואָלט רא אויסגערופן

„זייט באקאנט"

אין [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

אין תל אביבער „יעצטיגע נייעס", איז פאראן אן אנאנס וואס לויטעט אזוי:

„זייט באקאנט מיט פרוי דינה ארון, וואס וועט מיט פארגעניגן אייך געבן עצות און ענינים פון קאכן און באקן קנישעס"

ביי דעם אנאנס איז פאראן די פאטאגראפיע פון דער ה'טע רינע, וואס זעט אוס גארנישט אוים ווי קיין קעכין און איבערציינט נישט. ראקעגן ווען מען גיט בעסער א פאטאגראפיע פון די קנישעס, וואלט עס געברענגט מער נוצן — מיינט איר נישט, פריינט צאכין?

ווארעמקייט צו געלט

אין דער „נייע פרעסע" פון 13טן מאי, שרייבט א געוויסער חיים ריליענשטיינסנעזאגט אין א קול קורא: „מער ווארעמקייט דעם פאריזער יידישן טעאטער"!

ווערן מיר קודם געוויער, אז אין פאריז איז פאראן א יידיש טעאטער (א שאד וואס ער האט נישט אנגעגעבן דעם אדרעס) און ראן שיינט ביי אים די געלט-פראגע נישט צו זיין קיין עיקרדיקע, נאר „ווארעמקייט".

קענען מיר אייך פארזיכערן, אז וואס שייך מאטעריעלע שטיצע איז א שאר אייער טרחה פריינט.. פעיקער פון אייך ראבן עס געפרווט און נישט באוויזן. נאר אויב עס נייט אייך אין ווארעמקייט — קענט איר קריגן וויפל איר ווילט, דאס וועט אייך קיינער נישט זשאלעווען אבער צי קען מען מיט בלויז ווארעמקייט — אפילו מיט היץ — מאכן א טעאטער? און א חוץ מזה: ווו זיינען אייערע פאריזער טעאטערקרעפטן? שעמט אייך נישט, רופט זיי אן ביי די נעמען.

נא דיר און גיב מיר

אין „אונזער שטימע" פון 30טן מערץ שרייבט שלעווין אז ווייז איז א טאלאנטפולער שרייבער.

אין „אונזער שטימע" פון 28טן מאי שרייבט ווייז אז שלעווין איז דער „בעסטער סטיליסט";

ס'איז אפגעגעבענע זאכן.

א סקאנדאל אין שלוש סעודות-ווינקל

[illegible] אז עס [illegible] אין פאריז [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אין [illegible] [illegible] עס קומט [illegible] א צוזעריים [illegible] יעדן שבת פארנאכט [illegible] ביי אוז שמועסן אויף פארשידענע טעמעס דער אימעכטיקער ריינעני אין אימבאשטימבארער באלעבאס איז דאסט א געוויסער קוטשער, וואס איז „געווען אמאל אין ווארשע" דאס וואס ער איז היינט דא. דאס דייסט, א מיי „פא גראן שאז". די טעמעס פון די שמועסן באשטימט דער אויבן דערמאנטער קוטשער. די אודיטאריע איז א זייער באגרענעצטע צווישן 10 און 18 מענטשן מיינסטענס ווייבער.

אין דער דאזיקער „אינסטיטוציע" איז זייט א געוויסע צייט איינגעפירט א טראדיציע פון מאכן אפגע געלט-זאמלונגען, אויף קויפן מתנות דעם דירעקטאר קוטשער, אלס סימן פון אנערקענונג. וואס אנשטאט ליגן אין בעט און רוען קומט ער יעדן שבת פארנאכט אנפירן מיט דער „שמועסאריע".

לעצטנס איז נעפראוועט געווארן דער פייערלעכער "סיום" פון סעזאן — און דאס איז ווידער געווארן א געלעגנהייט צו זאמלען געלט אויף צו קויפן קוטשערן א מתנה (אויב מיר זענען גוט אינפארמירט, האט עס זיך געהאנדלט אין קויפן פאר אים אין „אוני-פרי" א האלב טוץ זאקן)

דער סקאנדאל זאל האבן אויסגעבראכן צוליב דעם וואס עס איז צופעליק דארט געווען דער שרייבער יחזקאל קארענהענדלער און ער האט זיך פשוט אפגעזאגט צו באשטייערן פאר קוטשערן „קורא". קוטשער האט אויסגענוצט די געלעגנהייט, דאס מאל אליין צו זיין דער „שמועסער", ער האט זיך פייערלעך אנגעטאן זיין דעקאראציע פון „סאבינע ארדן". וואס ער האט נאך פון יענע צייטן ווען ער פלעגט שרייבן סאבינע „ליטעראטור" און אנגעהויבן רעדן וועגן דער וויכטיקייט פון שלוש סעודות. ער האט בביוון לאנג גערעדט, כדי קארענהענדלער זאל אים מאכן א צווישנרוף, אז ער זאל רחמנות האבן און אויפהערן. דא איז ער ווירדערלעך באפאלן קארענהענדלערן און אים שיער ארויסגעווארפן.

ווייטערדיקע פרטים — אין קומענדיקן נומער.

Dir. de la Publ.
A. A. LIBERMAN
20, Allée des Bouvreuils à Drancy
(Seine)

IMP. 40, rue des Jeûneurs Paris-2e